**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/19/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול פאנגט אן דיגיטאלע פארטאל צו העלפן ניו יארק סטעיט איבערגעבן אומזיסטע אדער ביליגע טשיילד קעיר צו מער פאמיליעס דורכאויס די סטעיט**

***די גאווארנער האט פארזיכערט היסטארישע 1.8 ביליאן דאלאר סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונג אין סטעיט'ס טשיילד קעיר הילפס פראגראם***

***פראגראם דעקט 90% פון מארקעט ראטע טשיילד קעיר קאסטן פאר מער בארעכטיגע פאמיליעס, פארזיכערנדיג מערסטע פאמיליעס פון פיר צאלן נישט מער ווי $15 א וואך***

***יעצט סערווירט 100,000 פאמיליעס דורכאויס די סטעיט און הונדערטער טויזנטער מער פאמיליעס זענען ווארשיינליך בארעכטיגט זיך אנצוגעבן***

גאווארנער קעטי האקול היינט, צוזאמען מיט יו.עס. סענעטאר קירסטען גיליבראנד ביי די קלוב פעד טשיילד קעיר צענטער (Club Fed Child Care Center) אין אלבאני, האט אנגעפאנגען [ny.gov/childcare](ny.gov/childcare) - א דיגיטאלע פארטאל צו העלפן מאכן אומזיסטע אדער ביליגע טשיילד קעיר מער ערמעגליכט דורכאויס די סטעיט פאר בארעכטיגטע פאמיליעס דורך ניו יארק סטעיט'ס טשיילד קעיר הילפס פראגראם. די נייע איניציאטיוו פאלגט נאך אויף די היסטארישע 1.8 ביליאן דאלאר סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונג אין טשיילד קעיר הילפס פראגראם פארזיכערט דורך גאווארנער האקול אין די פיסקאלע יאר 2025 אקטיוו בודזשעט.

"מיר מאכן ניו יארק מער צוגענגליך און פארשטערקערן אונזער עקאנאמיע דורך צושטעלן אומזיסטע און ביליגע טשיילד קעיר פאר מער פאמיליעס דורכאויס די סטעיט, און מאכן עס לייכטער פאר פאמיליעס זיך אנצוגעבן פאר די פינאנצירונג אנליין," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "אלס די ערשטע מאמע גאווארנער פון ניו יארק, פארשטיי איך די שוועריקייטן פון טשיילד קעיר ערשטהאנטיג און איך קוק ארויס צו זען די טראנספארמאטיווע פראגראם דערגרייכן מער עלטערן און קינדער דורכאויס אונזער סטעיט."

די סטעיט'ס נייע דיגיטאלע פארטאל מאכט עס לייכטער פאר פאמיליעס דורכאויס די סטעיט זיך אנצוגעבן פאר טשיילד קעיר הילף פראגראם (Child Care Assistance Program, CCAP), וועלכע דעקט כאטש 90 פראצענט פון די וועכנטליכע מארקעט ראטע טשיילד קעיר קאסטן פאר מערסטע

בארעכטיגטע פאמיליעס. דאס מיינט אז מערסטע בארעכטיגטע פאמיליעס פון פיר ווען צאלן נישט מער ווי $15 א וואך - שפארנדיג פאמיליעס טויזנטער דאלארס אין יערליכע טשיילד קעיר קאסטן.

CCAP שטעלט שוין צו אומזיסטע אדער ביליגע טשיילד קעיר צו ארום 100,000 פאמיליעס דורכאויס די סטעיט. פונדעסטוועגן, שאצן סטעיט אפישלס אז הונדערטער טויזנטער מער פאמיליעס דורכאויס די סטעיט זענען ווארשיינליך בארעכטיגט פאר CCAP און גאווארנער האקול מוטיגט ניו יארקערס זיך אנצוגעבן.

CCAP איז א סטעיט פראגראם וואס העלפט ארבעטנדע פאמיליעס דורכאויס ניו יארק צאלן פאר טשיילד קעיר. אין די צייט וואס בארעכטיגונג איז באזירט אויף פארשידענע פאקטארן ארייננרעכענענדיג איינקונפט און מאס פון פאמיליע, קענען פילע פאמיליעס קוואליפיצירן פאר CCAP אויב זייער הויזגעזינד איינקונפט איז ביי אדער נידעריגער 85 פראצענט פון די סטעיט מעדיאן איינקונפט ( State Median Income). יעצט, איז 85 פראצענט פון די סטעיט מעדיאן איינקונפט פאר א פאמיליעס פון פיר ארום $108,000.

פריער, זענען נאר פאמיליעס אין ניו יארק סיטי און שענעקטאדי געווען ערמעגליכט זיך אנצוגעבן פאר CCAP אנליין, אין די צייט וואס מערסטנס אנדערע פאמיליעס דורכאויס די סטעיט האבן זיך געדארפט אנגעבן דורכך אויספילן א פאפיר פארם. די אוועקשטעלן פון די סטעיט'ס נייע דיגיטאל פארטאל פארזיכערט אז פאמיליעס דורכאויס די סטעיט קענען לייכטערהייט אויסגעפינען אויב זיי זענען בארעכטיגט, זיך אנגעבן אנליין און האבן צוטריט צו אומזיסטע אדער ביליגע טשיילד קעיר אויב בארעכטיגט. דאס וועט העלפן CCAP דערגרייכן אזוי פיל פאמיליעס מעגליך צווישן די הונדערטער טויזנטער פאמיליעס וואס קענען זיין בארעכטיגט דורכאויס די סטעיט.

די נייע דיגיטאלע פארטאל איז קאנטראלירט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS). פאמיליעס קענען נוצן אן אנליין געצייג אויף די פעידזש צו פרי-סקינען פאר בארעכטיגקייט און דאן גלייך זיך אנגעבן פאר טשיילד קעיר הילף, באזייטיגנדיג סיי וועלכע איבעריגע פראצעדורן און אומנויטיגע באריכט פארלאנגען געלייגט אויף פאמיליעס.

די נייע דיגיטאלישע פארטאל וועט סערווירן פאמיליעס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי און שענעקטאדי קאונטי. בארעכטיגטע פאמיליעס וואס וואוינען אין ניו יארק סיטי דארפן זיך אנגעבן פאר CCAP דורך די [MyCity portal](). בארעכטיגטע פאמיליעס וואס וואוינען אין שענעקטאדי דארפן זיך אנגעבן פאר CCAP דורך די [Schenectady County portal]().אויב סיי וועלכע פאמיליעס אין די געגנטער פראבירן זיך אנצוגעבן דורך די סטעיט'ס נייע דיגיטאלע פארטאל, וועלן זיי פשוט ווערן אריבערגעפירט צו די ריכטיגע פארטאל וואס סערווירט זייער געגנט.

CCAP איז איבערגעגעבן דורך לאקאלע סאציאלע סערוויס דיסטריקטן און קאנטראלירט דורך OCFS. אלס טייל פון די אוועקשטעלונג, ארבעט OCFS אויך צוזאמען מיט פארשידענע סטעיקהאולדער ארגאניזאציעס אויסצושפרייטן אינפארמאציע איבער CCAO דורכאויס די סטעיט צו פאמיליעס, אריינגערעכנט נייע עלטערן, און מוטיגן פאמיליעס זיך אנצוגעבן.

**OCFS קאמישענער דר. דאמאריא העריס-מעדען האט געזאגט,** "מיר זענען פרייליך זיך אנצושליסן מיט די גאווארנער און אונזערע לאקאלע סאציאלע סערוויסעס דיסטריקטן איינצופירן די נייע איניציאטיוו, וועלכע וועט באזייטיגן גדרים שטרויכלונגען פאר פאמיליעס וואס זוכן זיך אנצוגעבן פאר טשיילד קעיר

הילף. די נייע, אנליין פארטאל וועט פארלייכטערן די אפליקעישן פראצעדור, געבן גרינגערע צוטריט צו די פראגראם, און לייגן מער פאמיליעס אויף די וועג צו באקומען ביליגע, קוואליטעטפולע טשיילד קעיר. מער ניו יארק פאמיליעס ווי אלעמאל בעפאר זענען בארעכטיגט פאר טשיילד קעיר הילף יעצט אז די איינקונפט שוועל איז ארויף צו $108,631.70 פאר א פאמיליע פון פיר ביי די 85% פון די סטעיט מעדיאן איינקונפט."

**סענאט מעידזשאריטי לידער טשארלס שומער האט געזאגט,** "מיט די אנפאנג פון די נייע דיגיטאלע פארטאל, נעמט ניו יארק א וויכטיגע שריט צו מאכן צוגענגליכע טשיילד קער לייכטער צו באקומען פאר פאמיליעס דורכאויס די סטעיט. פארבעסערן צוטריט צו צוגענגליכע טשיילד קעיר איז וויאזוי מיר פארשטארקערן אונזער ארבעטקראפט, העלפן אונזער עקאנאמיע וואקסן און אינוועסטירן אין אונזער צוקונפט. עס איז פארוואס איך האב געקעמפט צו פארזיכערן 1 ביליאן דאלאר אין די קומענדיגע פעדעראלע בודזשעט פאר טשיילדקעיר און געפירט די איינפירונג פון די טשיילד קעיר סטאביליזאציע אקט (Child Care Stabilization Act). גאווארנער האקול טוט א אויסערגעווענליכע ארבעט עס צו מאכן לייכטער פאר פאמיליעס דורכאויס NY צו האבן צוטירט צו אומזיסטע און ביליגע טשיילד קעיר און איך וועל ווייטער ארבעטן מיר איר און קעמפן פאר צוגענגליכע טשיילד קעיר פאר אלעמען."

**סענעטאר קירסטען גיליבראנד האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדע פאמיליע צו האבן לייכטע צוטריט צו פארטרויבארע, אומזיסטע אדער ביליגע טשיילד קעיר אן צו דארפן דורכשפרינגען אומנויטיגע שריט," האט סענאטאר גיליבראנד געזאגט. "די נייע אנליין פארטאל פאר די טשיילד קעיר הילף פראגראם וועט זיין א טראנספארמאטיווע געצייג פאר עלטערן דורכאויס די סטעיט און וועט פארברייטערן טשיילד קעיר פאר פאמיליעס וואס דארפן עס. איך בין שטאלץ צו זיין מיט גאווארנער האקול פאר די היסטארישע מעלדונג און לויב איר איבערגעגעבנקייט צו פארברייטערן טשיילד קעיר דורכאויס די סטעיט. זיער מאכן אז פאמיליעס האבן ביליגע, לייכטע צוטריט צו טשיילד קעיר איז קריטיש, און דאס איז פארוואס איך וועל ווייטער קעמפן ביי די פעדעראלע שטאפל צו פארברייטערן טשיילד קעיר צוטריט אין ניו יארק אין דורכאויס די לאנד."

**רעפרעזענטיטיוו דזשאו מארעל האט געזאגט,** "פארמערן די צטריט פון ביליגע טשיילדקעיר איז קריטיש וויכטיג צו שטיצן אונזערע פאמיליעס און וואקסן א שטארקע עקאנאמיע און ארבעטקראפט. די טשיילד קעיר הילף פראגראם העלפט שוין אזוי פיל פאמיליעס דורכאויס ניו יארק סטעיט, און די נייע אינוועסטירונג וועט פארזיכערן אז די פראגראם קען דערגרייכן נאכמער. איך בין דאנקבאר צו גאווערנאר האקול פאר איר פירערשאפט אויף די וויכטיגע פראבלעם, און איך וועל ווייטער קעמפן אין וואשינגטאן צו מאכן אלגעמיינע טשיילדקעיר א פאקט פאר יעדע פאמיליע."

**סטעיט סענאט מעידזשאריטי פירער אנדרעא סטעוווארט-קאזינס האט געזאגט,** "די סענאט מעידזשאריטי האט שטאלצערהייט געקעמפט צו מאכן טשיילדקעיר מער צוגענגליך פאר ארבעטנדע פאמיליעס, ארייגרעכענענדיג פארברייטערן די טשיילד קעיר הילפס פראגראם צו פארברייטערן איינקונפט בארעכטיגונג, מאכנדיג מער פאמיליעס בארעכטיגט פאר די פראגראם און שטיצנדיג פאמיליעס מיט די גרעסטע געברויך. די אוועקשטעלונג פון די טשיילד קעיר דיגיטאלע פארטאל וועט סערווירן אלס א אויסערגעווענליכע מיטל פאר פאמיליעס וואס זוכן אפענע טשיילד קעיר עפענונגען. איך וויל באדאנקען גאווארנער האקול פאר איר פארטנערשאפט אין ווייטער פארמערן טשיילד קעיר צוטריט פאר פאמיליעס דורכאויס אונזער סטעיט."

**אסעמבלי ספיקער קארל העסטי האט געזאגט,** "פאמיליעס דארפן פארזיכערטע, צוגענגליכע טשיילדקעיר וואס זיי קענען געטרויען אבער צו פיל מוטשען זיך עס צו טרעפן. דאס וועט פארבינדן מער ניו יארקערס מיט די אומזיסטע און ביליגע טשיילדקעיר וואס זיי דארפן. אונזער סטעיט איז מצליח ווען

אונזערע פאמיליעס בליען, און מיר וועלן ווייטער ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע פארטנערס אין רעגירונג צו מאכן אונזער סטעיט א מער צוגענגליכע פלאץ צו וואוינען און לייגן ניו יארק פאמיליעס צום ערשט."

די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודזשעט פירט ווייטער גאווארנער האקול'ס זיבן ביליאן דאלארדיג אינוועסטירונג איבער פיר יאר צו פארברייטערן צוטריט צו טשיילד קעיר און פארבעסערן צוגענגליכקייט פאר פאמיליעס דורכאויס ניו יארק. אין צוגאב צו די 1.8 ביליאן דאלאר צו שטיצן CCAP, נעמען אנדערע אינוועסטירונגען אריין פינף מיליאן דאלאר צו פינאנצירן א פאמיליע טשיילד קעיר נעטווארק פילאט פארשלאגן שטיצע און אנווייזן צו היים-באזירטע טשיילד קעיר פראוויידערס, און די איינריכטונג פון אונטערשיידליכע צאלונגען פאר הויכע-קוואליטעט פראוויידערס וואס ערפילן די קריטעריע אזויווי קרעדיט דורך נאציאנאל אנערקענטע טשיילד קעיר ארגאניזאציעס, און סערווירן פאמיליעס וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט און אפערירן דורך נישט אנגענומענע שעות.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן